

# ויהי בחצי הלילה

אן עקסקלוסיווער און אינפארמאטיווער אינטערוויו איבער פארשידענע שטריכן און אקטיוויטעטן איגערהאלב דער בארימטער מוסד וואס לייכט אויף די נעכט: "כולל חצות"; מיט איינער פון די חשוב'ע עוסקים במלאכת הקודש - הרב אהרן בר חורין הי"ו

י. פויגל



עס איז שא שטיל, די גאסן פוסטעווען אין די פינסטערניש פון די נאכט, די לבנה טוט איר ארבעט און באלייכט דעם נאכט האריזאנט מיט איר העלן שיין. די וועלט שלאפט א טיפן זיסן שלאף; אבער נישט די גאנצע וועלט. פאקטיש איז דא א קליינע הייפעלע פון מענטשן וואס זענען יעצט אויף. עס איז נישט אז זיי ליידן פון שלאפלאזיגקייט, עס איז אויך נישט אז זיי האבן א ליידיגע סדר היום מארגן און דעריבער קענען זיי זיך ערלויבן צו בלייבן אויף ביינאכט, אסאך פון זיי זענען פארנומענע מענטשן וואס פארנעמען פראמינענטע פאזיציעס און וואלטן נאר פארדינט פון נאך אביסל שלאף זיך אויסצורוען נאך א פארמאטערנדע טאג. דאן פארוואס זענען זיי אויף א גאנצע נאכט?

אין אן ערשטמאליגן אינטערוויו - לכבוד דעם בעפארשטייענדן יו"ט פסח, ווען דער גאולה איז געקומען בחצות הלילה און די ערשטע קערנדלעך פונעם הייליגן פאלק דער עם הנבחר זענען געווארן איינגעזייעט - האבן מיר זיך פארבינדן מיט הרב אהרן בר חורין הי"ו, איינער פון די גאר חשוב'ע עסקנים פון "כולל חצות", צו הערן אביסל מער איבער וואס עס טוט זיך אלץ אפ אין די ראמען פון "כולל חצות" במשכ'ן יאר.

דער בארימטער "כולל חצות" ווירקט אין פינף כוללים איבער די וועלט און פארמאגט אומגעפער ניינציג דיאמאנטן - כולל יונגעלייט, פון די סאמע בעסטע און טייערסטע וואס כלל ישראל פארמאגט, ארייגערעכנט פראמינענטע דיינים און מורי הוראה, מרביצי תורה און



נאך. עס איז אונז א כבוד און א זכיה אז דער פארנומענער עסקן האט אונז אראפגעגעבן פון זיין טייערע צייט צו שמועסן מיט אונז, און מיר באדאנקן זיך פאר הרב י. נ. ק. פאר'ן העלפן צושטאנדברענגען דעם שמועס.

**שלום וברכה ר' אהרן, וויאזוי זענט איר אנגעקומען צו כולל חצות?**

איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך בין געווען א פשוט'ער כולל יונגערמאן וואס האט געזוכט א סייד דזשאב, און פונקט האט מיר עמיצער געזאגט אז "כולל חצות" זוכט א פארט-טיים ארבעטער. איך האב מיך איינגעגעבן און זיי האבן מיך נישט לאנג דערויף אויפגענומען צו קומען ארבעטן דארט.

איך וועל זיין אויפריכטיג, איך, אזוי ווי גאר אסאך פון צווישן דעם היימישן עולם, האב געקוקט מיט אן אומוויסנדן בליק אויף דעם גאנצן "כולל חצות", איך האב געהאלטן אז עס איז נאך איינס פון צווישן אנדערע ארגאניזאציעס וואס מאכן מארקעטינג און פאמפען סגולות וכו'; איך האב נישט געקענט דאס פלאץ און נישט געוואוסט וואס דאס איז.

**און... וואס איז געשען אז דאס האט זיך געטוישט?**

וואס איז געשען איז אזוי.

איין שטילע נאכט ביי אונז אין מאנסי, שפעט אינמיטן די נאכט, געווען איז דעמאלטס בערך האלב צוויי אזייגער, עס וואלט לכאורה געווען מער אויסגעהאלטן צו זאגן אז עס איז געווען פארטאגס... האב איך מיך געכאפט אז איך האב נאכנישט געדאוונט מעריב. בין איך געגאנגען צום וויזשניצער בית המדרש אויף פיליס טערעס צו זוכן א מנין.

אנקומענדיג זענען געווען דארט זעקס מענטשן, און איך האב מיך געפרייט, 'אה, ברוך השם איך האב געטראפן א מנין, באלד וועט זיין צען מענטשן און מיר וועלן זיך קענען שטעלן דאווענען'.

מעןווארט און מעןווארט, אבער אין קול ואין עונה; עס באווייזט זיך נישט קיין מענטש. אויסער די זעקס אידן וואס מיר זענען געווען - האט זיך קיינער נישט באוויזן.

איז געווען דארט א איד וואס האט פארגעשלאגן אן עצה זיך אריבערצוכאפן צו כולל חצות.

איך האב מיך געביסן די ליפן און נישט געוואלט קיינעם דערציילן אז איך בין נארוואס אריין ארבעטן אהין. איך האב באשלאסן זיך מיטצוכאפן, טראכטנדיג ביי מיר: 'אפשר איז דאס טאקע א גוטע געלעגנהייט צו אויסטשעקן דאס פלאץ... לאמיר זען - ווי מ'זאגט - 'לייוו' ווער און וואס איז דאס דער "כולל חצות" פאר וועמען איך ארבעט'.

וכך הוה. מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אינאיינעם. עס איז געווען צוויי קארן, מיר האבן זיך צעטיילט צווישן ביידע און מיר זענען געפארן. מיר פארקירן אינעם פארקינג לאט פונעם שול, מיר גייען אריין און... איך וועל מודה זיין אז דער רושם וואס איך האב דעמאלטס באקומען, האט זיך גאר טיף אריינגעזעצט ביי מיר אין הארץ און איז פארבליבן ביז היינט.

**דערציילט אונז אביסל מער דערוועגן...**

לאז מיך דיר זאגן. איך, ווי פריער דערמאנט, בין אייביג געווען סקעפטיש איבער "כולל חצות". איך האב געוואוסט און געגלייבט אז עס זענען דא יונגעלייט וואס לערנען מן הסתמא פלייסיג, אבער איך פלעג זיך וואונדערן ווער זענען די מאדנע מענטשן וואס אנשטאט אויסנוצן די נאכט זיך אביסל אויסצורוען דעם גוף צו קענען אויפשטיין דעם נעקסטן טאג לעבודת הבורא - פראווענען זיי אפ דעם נאכט. איך בין זיכער געווען אז ווען איך שפאציר אריין אין שול, וועל איך זיך באגעגענען מיט אידן וואס שלאפן און דרימלען און קענען זיך קוים האלטן אויף די פיס. למעשה, ווי שאקירט בין איך געווען, קודם איינס צו טרעפן פרישע, מונטערע און אויפגעלייגטע יונגעלייט וואס זיצן און הארעווען אין לערנען, זיי טינקן זיך אינעם ענדלאזן ים פון תורה. אבער איך קוק זיך גוט ארום און איך כאפ נאך א שאק: דא זע איך א דיין, דארט זע איך א איד א תלמיד חכם מופלג, איך הייב אן כאפן אז איך האב באמת געלעבט אין א טעות; איך האב מיך אין ווילסטן חלום נישט פארגעשטעלט צו טרעפן דארט די העכערע פון שטייסל פון כלל ישראל.

איך קען דיר איין זאך זאגן, עס האט מיר באנומען א שטאלצע געפיל; איך האב אנגעהויבן זיין שטאלץ מיט מיין ארבעט פאר אזא מוסד.

איך וועל דיר זאגן נאך עפעס. בשעת מיר האבן געבעטן דעם ראש הכולל אויב מיר קענען האבן פיר לומדים צו קענען משלים זיין אונזער מנין, האט ער אונז צוגעוויזן אויף געוויסע לומדי הכולל אז זיי קען מען ח"ו נישט שטערן און מען זאל זיי נישט בעטן. ווערסטו אודאי טראכטן אז מען האט אונז געשיקט די מער שוואכערע פון כולל... וויל איך דיר נאר זאגן, אז יעדער יונגערמאן פון די פיר, האט גענומען אן אנדערע מוסר ספר וואס איז געלעגן אין די זייטיגע שטיבל וואו מיר האבן געמאכט דעם מנין, און זיך דערקוויקט דערמיט דורכאויס די צייט וואס מיר האב געדאוונט.

**א הימל און ערד חילוק פון וואס איר האט זיך פארגעשטעלט צו טרעפן...**

ממש אזוי.

**שפעטער האט איר זיך כאטש פארגעשטעלט פאר'ן עולם אז איר ארבעט דארט?**

אודאי. איינמאל איך האב געזען פון וואס די רעדע דא איז, האב איך שוין איינמאל פארציילט...

**אין וויפיל שטעט איז פארהאן א כולל חצות, און וויפיל חברי הכולל איז דא אלעס צוזאמען?**

עס זענען פארהאנען פינף כוללים: אין בארא פארק, וויליאמסבורג, מאנסי, קרית יואל, און אין מירון ביי רבי שמעון.

ווי מיר שטייען היינט, איז פארהאן




אומגעפער ניינציג חברי הכולל אלעס אינאיינעם.

**בלויז ניינציג מענטשן פון כמעט איבער די גאנצע וועלט?**

יא. און דער סיבה דערצו איז, ווייל ווי געזאגט איז כולל חצות אן ערנסטע מקום תורה; עס איז נישט סתם א פארוויילונגס ארט פאר שלאפלאזע מענטשן. די רעדע איז דא פון גאר דערהויבענע לומדים, מענטשן וועלכע זענען מסכים צו טוישן זייער סדר היום און זיך אונטערנעמען צו לעבן א נייעם שטייגער. עס איז א טויש אין לעבנסשטייגער.

**הייסט עס אז די דערהויבענע חברי הכולל זענען נישט טועם קיין טעם שינה בכלל?**

אודאי יא. די אנגענומענע סדר איז, און דאס ווערט פארלאנגט פון זיי, אז מען דארף 'אויפשטיין' צו חצות. עס איז אן ערנסטע אונטערנעמונג און מען דארף האלטן דערביי. מען דארף זיך לייגן ארום אכט דרייסיג אווענט.

צו זיין אמת'דיג, זענען דא אמאל חברי הכולל וואס פאלגן נישט אויס דעם רעגולאציע... איין אזא פאל געדענק איך, ווען מיר האבן לעצטנס געמאכט א מסיבת מרעים פאר די שטאב איינגעשטעלטע, און מיר האבן גערופן איינער פון די גאר חשוב'ע חברי הכולל, א באקאנטער מורה הוראה אין שטאט, אז ער זאל רעדן פאר אונז. דאס איז געווען צען אזייגער ביינאכט. שפעטער, ארום איינסע צייט, האב איך באשלאסן צו גיין כאפן א בליק אין די כולל און זיך דערקוויקן דאס הארץ ביים זען די לעכטיגע קדושה וואס רוט דארט, זע איך ווי - נישט מער און נישט ווייניגער - דער מורה הוראה זיצט און הארעוועט, כאילו לא היה. קיין שלאף האט ער אויסדרוקליך נישט געהאט יענע נאכט. וויאזוי ער דאס באוויזן - ווייס איך נישט...

**ווערט איר מודה זיין צו מיר אז דאס מאכן חצות כוללים איז א נייע מושג? פאר צען יאר צוריק האט קיינער נישט געהערט פון אזא מין מציאות...**

איך וועל מודה זיין אז מען האט אמאל כמעט נישט געהערט אין אמעריקע פון אזא מציאות ווי א כולל חצות, אבער עס איז נישט ממש א נייע זאך. וואו מען קוקט נאר אין די ספרים פון די פריערדיגע גדולים, זעט מען דער ענין פון אויפשטיין חצות. עס איז באקאנט אז דער הייליגער חתם סופר האט מחנך געווען זיינע תלמידים אין ישיבה אויפצושטיין יעדן ליל שישי ביי חצות און לערנען ביז אינדערפרי. עס ווערט אזוי געברענגט פונעם הייליגן בעל התניא אויך, ווי אויך פונעם הייליגן בעל שם טוב אליין, און נאך אסאך.



עס איז אינטערעסאנט צו אנמערקן, אז ווען א געוויסער חבר הכולל האט זיך געוואלט אנשליסן אין די כולל גלייך ווען עס האט זיך געעפנט מיט צען יאר צוריק, האט ער אנגערופן זיין רבי'ן, דער פשעווארסקער רבי זאל זיין געזונט, און געפרעגט אויב ער זאל דאס טון. דער רבי שליט"א האט אים געזאגט: "אודאי זאלסטו עס טון". דער רבי האט צוגעלייגט אז עס איז אים יעצט פארענטפערט געווארן עפעס וואס ער האט נישט פארשטאנען. נעמליך, עס איז באקאנט פון קאלאשיצער רב הי"ד וואס האט נאכגעזאגט פון שינאווא רב זי"ע בשם זיין טאטן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, אז משיח וועט קומען אין אמעריקע. האט דער רבי געזאגט: "איך האב עס קיינמאל נישט פארשטאנען, אבער יעצט אז עס האט זיך געעפנט א "כולל חצות" אין אמעריקע, קען איך עס שוין פארשטיין!"

**איז דא א ספעציפישע סדר הלימוד אין כולל?**

ניין, עס איז נישטא קיין ספעציעלע לימוד וואס יעדער דארף לערנען. יעדער חבר הכולל לערנט מה שלבו חפץ. טייל האבן חברותות, אנדערע לערנען אליינס. עס זענען דא אפילו אזעלכע וואס לערנען קבלה. אויסערדעם איז פארהאן א "בית הוראה" וואס מיר האבן אויפגעשטעלט אין יעדע "כולל חצות", וואו א דיין זיצט און ענטפערט שאלות וואס מאכן זיך ביי מענטשן אזוי שפעט ביינאכט. מיר פארמאגן אין די כוללים אלעס צוזאמען עטליכע אין צוואנציג פראמינענטע מורי הוראות.

**וויאזוי גייט עס צו ווען א יונגערמאן וויל ווערן א חבר הכולל - וואס איז דער פראצעדור?**

אז א איד וויל ווערן א חבר הכולל, שרייבט ער זיך איין ביי אונז. דאן פרעגן מיר זיך נאך אויף אים בחקירות ודרישות, ווייל ער מוז זיין צוגעפאסט דערצו און באמת האלטן דערביי. איך וועל דיר אויסזאגן א סוד: די בני בית דארף אויך אונטערשרייבן אז זי איז מסכים צו דעם אונטערנעמונג!

**לויט ווי איך פארשטיי פון דעם שמועס, איז די רעדע דא פון זעלטענע דערהויבענע מקומות של תורה; אבער וואס איז דער שייכות צו ישועות, סגולות וכדו' וואס כולל חצות פראקלאמירט אפט?**

קיין איין סגולה קומט נישט צו - צו די סגולה פון שטיצן א מקום תורה. שטיצן סיי וועלכע מקום תורה, איז די בעסטע סגולה אויף זוכה זיין צו אלעם גוטן. נאר דא, איז דא בנוסף צו דעם, דאס וואס דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי שרייבט אין זוהר הק' צענדליגער מאל איבער די גרויסקייט פון לערנען ביי חצות, און אז דער וואס לערנט פון חצות הלילה און ווייטער - ווערט א חבר מיט די מלאכים! און אז ווען עס מאכט זיך חלילה אן עת קטרוג, קען קיינער נישט צוריקהאלטן די תפילות פון אידן וואס לערנען תורה ביי חצות הלילה. אויך איז באקאנט די הייליגע ווערטער וואס דער אר"י הק' שרייבט איבער לערנען תורה נאך חצות הלילה, און מען האט געזען ביי פריערדיגע גדולים ווי שטארק הייליג און טייער זיי האבן געהאלטן דאס אויפשטיין ביי חצות הלילה און ווידמען די נאכט אויף לימוד התורה.

יעצט, נישט יעדער איד איז ביכולת דאס צו באווייזן, עס פאדערט זיך א געוויסע מדריגה דערפאר. און צוליב דעם איז טאקע נישט דא אזוי סאך איבער די גאנצע וועלט וואס טוען עס, און אונזערע יונגעלייט זענען די שלוחים פון כלל ישראל אין דעם הינזיכט – ווי עס שרייבן גדולי דורינו שליט"א.

עס איז אינטערעסאנט צו דערמאנען, אז עס איז דא א קול קורא פון בערך הונדערט יאר צוריק, פון די גדולי ירושלים של מעלה ווי הגה"ק מהרי"ץ דושינסקי זצ"ל, הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, טעפליקער רב און נאך, ווי זיי רופן די תושבי ירושלים צו שטיצן א געוויסע "כולל חצות" וואס האט זיך דעמאלטס געעפנט, און זיי שרייבן אז דער וואס האלט עס אויס - איז ווי גלייך ער אליינס איז אויפגעשטאנען ביי חצות און געלערנט די גאנצע נאכט!

מענטשן מיינען אז דאס איז א ביזנעס, אזוי איז די אויטאמאטישע גלויבונג ווען עס קומט צו פארשידענע מוסדות. אבער פאקטיש, מיין בעל הבית הרב נחמי' האפפמאן - וועלכער פירט דעם כולל באופן נפלא ממש - נעמט גענצליך נישט ארויס קיין געלט פון דעם פלאץ, ער לעבט בכלל נישט פון דעם מוסד. אויך איז יעדער כולל יונגערמאן און יעדע בית המדרש וואו מען לערנט - בלויז א הוצאה.

ממילא, די פראגע איז געווען איבער די פארשידענע סגולות וואס מיר טוען; מיר טוען דאס נאר צו קענען אביסל דעקן די אסטראנאמישע קאסטן.

**וואס איז דער בודזשעט א יאר?**

ווי מיר שטייען היינט, איז דער יערליכער בודזשעט קרוב צו צוויי מיליאן דאלער! יעדער חבר הכולל ערהאלט פון אונז חודש'ליך א טשעק פון טויזנט דאלער (און די חשוב'ע ראשי הכוללים – ערהאלטן גרעסערע געהאלטן), און עס קומט נאך צו באנוסעס פאר די ימים טובים וכדו'. אויך צאלן מיר טראנספארטאציע פאר די יונגעלייט צום כולל און צוריק אהיים.

**פאר אזא בודזשעט ברויך מען דאך האבן א געהעריגע אפיס און פירן א געלונגענע אפעראציע...**

אמת, און טאקע דערפאר פארמאגן מיר ביי אונז אין אפיס זעקס מענטשן. טייל קאנצענטרירן זיך בלויז אויף לאגיסטישע אנגעלעגנהייטן, ווי פעיראול, בוכהאלטעריי וכדו', ווען די אנדערע זענען פארנומען מיט פאנדרעיזינג און פראצעסירן הזכרות וואס קומען אריין.

איינס פון די וועגן וויאזוי מיר פאנדרעיזן געלט, איז דורך מאכן פארשידענע קאמפיינס אין וועלכע מיר געבן פאר מענטשן די געלעגנהייט צו קענען געניסן פון זעלטענע הייליגע סגולות פאר א מינימאלע אפצאל, און דורכדעם קענען מיר אויסהאלטן אונזער הייליגע כולל.

מיר בעטן זייער ביליג, און אן איינמאליגע הזכרה איז אלעמאל בחינם.

אונזערע סגולות זענען דייקא אזעלכע וואס









האבן שייכות צו חצות הלילה, און ס'דארף דעמאלטס ווערן אפגעראכטן.

**אויב איך מעג פרעגן, איך האב א באקאנטער וואס האט לעצטנס געמאכט ביי ענק די "קטורת סגולה", און איך הער אז עס איז א היבש דראמאטישע פראצעדור - קענט איר מיר דאס אביסל שילדערן?**

די "קטורת סגולה" ווערט אפגעראכטן דורך דערהויבענע יונגעלייט, לויט'ן וועג וויאזוי דער הייליגער אר"י הק' ברענגט עס אראפ. דער אר"י הק' שרייבט אז דער סגולה איז "מעביר מיתה מן העולם" און "יעשה רושם גדול למעלה". דאס זענען נישט סתם ווערטער, דאס שרייבט דער הייליגער אר"י אליינס. דער אר"י הקדוש שרייבט אין שער הכוונות, אז מען זאל צוזאמנעמען א מנין תלמידי חכמים נאך חצות הלילה און זאגן די פיטום הקטורת מיט א שטארקע כוונה. מען זאגט די ווערטער פארקערט ווי נארמאל. למשל, דאס ווארט 'וידבר' זאגט מען 'רבדיו' אא"וו.

**ווי אפט ווערט דאס אפגעראכטן?**

יעדע וואך ווערט אפגעראכטן אין "כולל חצות" דער "קטורת סגולה", יעדע וואך אין אן אנדערע כולל.

איז דא נאך סגולות וואס "כולל חצות" רעכט אפ?

יא, עס איז דא דער "פדיון הרש"ש" און דער "בן איש חי סגולה".

דער "פדיון הרש"ש" ווערט געברענגט פון רבי חיים וויטאל. עס נעמט אראפ אלע דינים פון די מענטש און ברענגט צוריק דעם צלם אלקים, מען זעט ממש מופתים.

דער פדיון ווערט געמאכט מיט הונדערט זעכציג ריין זילבערנע מטבעות.

**און וואס איז דער "בן איש חי סגולה"?**

דער בן איש חי שרייבט אלס א סגולה פאר קינדערלאזע פארפעלקער, צו שטיצן בני תורה וואס שטייען אויף צו חצות הלילה און פראווענען א גאנצע נאכט מיט לימוד התורה.

דערנאך איז דא נאך סגולות, ווי דאס לערנען פורים ביינאכט א גאנצע נאכט. מיר טוען דאס במשך צוועלף שעה, צוערשט אין ארץ ישראל און דאן אין אמעריקע.

נאך א סגולה איז דא. עס שטייט אז מען זאל אויפבלייבן א גאנצע נאכט אין די נאכט וואס א מענטש ווערט צוואנציג יאר אלט, צוליב דאס ווערן א בר עונשין. און עס ווערט געברענגט אז אנשטאט אליינס אויפזיין, קען מען אויסהאלטן תלמידי חכמים וואס לערנען די גאנצע נאכט.

**וואס זענען די טאג טעגליכע קאלס וואס קומען אריין אין די אפיסעס פון כולל חצות?**

רובא דרובא קאלס זענען פון אידן וואס דארפן כל מיני ישועות און רפואות. עס זענען דא אזויפיל שוועריקייטן היינט, דער זוכט א דזשאב, דער ברויך א רפואה, דער וויל געהאלפן ווערן מיט א שידוך, און די וואס פארשטייען די געוואלדיגע זכות התורה ביי חצות הלילה, רופן אריין צו נעמען א חלק און ספאנסערן די יונגעלייט. עס איז אסאך מאל שווער צו הערן אזויפיל צרות און שוועריקייטן וואס אידן גייען אריבער.

און יעדע הזכרה ווערט עקסטער באהאנדעלט, מען מאכט זיכער עס צו אויספירן ריכטיג. די מנהלים און די יונגעלייט דערמאנען די נעמען מיט אן ערנסטקייט און געפיל, און זיי פארשטייען אז זיי זענען מתפלל פאר זייערע אייגענע שותפים.

און ווען די אידן זעען איין ווי דער כח התורה איז עושה רושם, בלייבן זיי שותפים מיט דעם דבר גדול.

**צום שלוס, דערציילט אונז עפעס אן אינטערעסאנטע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט אין די אפיסעס פון כולל חצות?**

ממש עטליכע וואכן צוריק האט אונז א פרוי אריינגערופן אז זי וויל מאכן דעם פדיון הרש"ש, אויף - נישט מער און נישט ווייניגער - א שטוב באשפעניש אירע...

נאטורליך האט דער יונגערמאן ביי אונז אין אפיס געכאפט א שטיקל שאק, אבער ער האט זיך שנעל אריענטירט און מיט חכמה איר געענטפערט: "ווער האט צער אז דער באשעפעניש פילט זיך נישט גוט יעצט? איר האט דאך די צער, איז דעריבער וואלט איך פארגעשלאגן אז מען זאל מאכן דעם פדיון אויף אייער נאמען". וכך הוה, די פרוי האט מסכים געווען.

אז מען האט אמאל אזא טעלעפאן קאל אויך, מאכט דאס אביסל לייכטער די געמיט אין אפיס נאכ'ן הערן צרות ישראל.

יישר כח פאר אייער צייט, און הצלחה אין אייער ארבעט!